# די בריק

שריפט פאר ליטעראטור און קולטור

(פנימי)

1

## אינהאלט:


*** — — — — — — — — — — — — י. צ. ש.
צו אונדזערע סך־הכלען — — — — — — — ח. טורנער
צו דייטשלאנד (ליד) — — — — — — — — אברהם לעוו
א חלום (דערציילונג) — — — — — — — א. ריוועס
יידיש פאלק, יידיש און ארץ־ישראל — א. גלאנץ־לעיעלעס
מיין שוועסטער פערל;
פערל טענהט מיט גאט (לידער) — — — י. צ. שארגעל
יידיש שאפן אין ארץ־ישראל — — — — — — מ. זילבער
איז יידיש א שטער אין אונדזער אויפבוי? — מ. קאכמאן
צו הרובער שטאט (ליד) — — — — — הלל שארגעל
אן איינפאל פון א דייטש (דערציילונג) — מ. גאלדשטיין
צעשלאגענע געדאנקען פון א רעדאקטאר (פעליעטאן) מ.ק—ן
שרייבער און ביכער:
„מיר, די פוילישע יידן" — — — — — — — י. פירקין
לידער פון א גלויביקן — — — — — — — — א. לעוו
די דזשיקע גאס... — — — — — — — — — א. שרפי
אונדזער קולטור־פראנט; כראניק.



1944 דעצעמבער תל־אביב

# די בריק — הגשר

רעדאַקטירס: יעקב־צבי שאַרגעל, חיים טורנער


## אונדזערע צילן און אויפגאַבן:

מיר שטרעבן, ווייטער צו ציען די גאָלדענע קייט פון דער יידישער דורותדיקער קולטור, וועלכע איז דורך די פאַשיסטישע טמאים אַכזריותדיק־באַרבאַריש צעריסן און צעפּיצלט געוואָרן.

מיר ווילן שאַפן אָנערקענונג און כבוד פאַרן יידישן לשון און פאַר דעם, וואָס ווערט אין אים ווערטפולעס געשאַפן, אויך דאָ הי, אין ארץ־ישראל.

מיר ווילן העלפן די ארץ־ישראלדיקע יידישע שרייבער אַרויסגעבן זייערע שוין געשאַפענע ווערק און באַנען פאַר זיי אַ וועג אין דער צוקונפט: —

דאָס זענען ריין־געזעלשאַפטלעכע אומפּאַרטייאישע — יידישע קולטור־אויפגאַבן.

און ווייל נאָר אַ געזעלשאַפטלעכער איינס איז בכוח דאָס צו באַווייזן און פאַר קיין שום פאַל יחידים, — האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט און דער געזעלשאַפט „פריינט פון יידיש אין ארץ־ישראל" און דער זשורנאַל „די בריק", ווילן מיר, זאָל זיין דער פאַרבינדער, דער צונויפנעמער און דער אויסדרוק פון אונדזער ווילן, און די יידישע שרייבער, קולטור־טוער און לייענער, דאַרפן אונדז מיטהעלפן אין דער דאָזיקער אחריותדיקער היסטאָרישער אַרבעט. די קומענדיקע דורות וועלן זיכער מיט אָנערקענונג און דאַנק אָפּשאַצן אונדזערע מעשים.

זאָל „די בריק" זיין איינער פון די געגאַרטע מיטלען, וואָס דאַרפן נענטער פאַרפעסטיקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וועמען ס'זענען ליב און אייגן ביידע אונדזערע שפּראַכן — י י ד י ש א ו ן ה ע ב ר ע י ש. — און וועמען עס זענען נאָענט און אייגן א ל ע יידישע עקאָנאָמישע און קולטור־פּאָזיציעס, סיי אין דער יידישער צעשפּרייטקייט און סיי אין דעם זיך בויענדיקן ארץ־ישראל.

די געזעלשאַפט „פריינט פון יידיש אין ארץ־ישראל" באַגריסט די „נייוועלט" צו איר אַריינגאַנג אין 11־טן יאָר, און ווינטשט זיך צו זען אין דער נאָענטסטער צוקונפט „נייוועלט" אַלס יידישן טאָג־בלאַט אין א"י.

דער קאָמיטעט


# די בריק 1

שריפטן פאַר ליטעראַטור און קולטור


עפנט פאַר יידיש ארץ־ישראל
— און איר עפנט ארץ־ישראל
פאַרן יידישן פאָלק!


תל־אביב · דעצעמבער · 1944


* * *

מיר זענען נישט קיין נייס. יידישע זשורנאַלן אין ארץ־ישראל זענען געווען, און עס פירט איר האַרטנעקיקן קאַמף שוין פולע צען יאָר די וואָכנצייטונג „נייוועלט"; מיר קומען נישט פּראָקלאַמירן אַ נייע תורה אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין ארץ־ישראל. זי האָט נאָך די „אַלטע" נישט צעקאָכט. מיר קומען בלויז, ווי יידישע שרייבער, פאַרוואַרפן אַ בריק פאַר אַלע שאַפנדיקע יידישע פּראָגרעסיווע כוחות אין ארץ־ישראל און פון זיי — צו די ברייטע יידישע מאַסן פון דער גרעסער וועלט.

זאָלן די איבערגעבליבענע ברידער דערהערן אונדזער קול. זאָלן די צוריקגעפונענע שוועסטער דערהערן אונדזער רוף; כדי צוזאַמען אָנזאָגן דער וועלט: מ י ר ל ע ב ן א ו ן ו ו ע ל ן ל ע ב ן!

*

די וועגן, איבער וועלכע עס טרעטן די רויטע סאָלדאַטן דעם מאַרש פון ניצחון, זענען פול מיט שוידערלעכע קברים; די שטעט, וואָס צירן זיך ווידער אין רויטס פון פלאַטערנדיקע פאָנען, זענען חרוב ונחרב; די היימען און צענטערן פון יידישער יצירה — דער אייביקער אומרו פון יידישן גייסט — זענען וויסט און ליידיק. ווילנע און מינסק, ביאַליסטאָק, לובלין, קעשענעוו און קאָוונע, קיעוו, אָדעס, בערדיטשעוו — א י ן ז יי און א ר ו ם זיי איז אויסגעריסן געוואָרן דאָס יידישע לעבן ביזן וואָרצל: די זיידעס און באָבעס, מאַמעס און טאַטעס, קינדער און אייניקלעך — אַלעמען האָט פאַרשניטן די טמאהדיקע האַנט פון פאַשיסט. די שולעס און ביבליאָטעקן, די קלובן און טעאַטערס, די אינסטיטוטן און מוזייען — בלויז צייכנס און סימנים פון דעם גרויסן פאַרמעג געפינען די באַפרייער אויף זייער הערלעכן וועג צום זיג.

וואַרשע! דאָס יידישע, פולסירנדיקע, שאַפנדיקע און קעמפנדיקע וואַרשע. הערלעכע לעגענדע־שטאָט פון יידישן אויפשטאַנד — וואָס וועט מען דאָרטן טרעפן??!

שוידערלעכע בילדער ווערן אויפגעדעקט דורך לעבעדיקע עדות: דייטשע מערדער האָבן אויסגעזאַפּט דאָס בלוט ביי די קינדערלעך, די יידישע, אויפן וועג צו זייער עקידה; זייף — פון דעם מאַרך פון אונדזערע ביינער; לעבעדיק־באַגראָבענע און וואַגאָנען מיט גאַז. מיידאַנעק, טרעמבלינקאַ, סאָביבאָר.

און פונדעסטוועגן האָבן דעם מוט אונדזערע „שיינגייסטער", אין זייערע רואיקע און שלווהדיקע ערטער, צו פּרעדיקן „שטילקייט", „איינגעהאַלטנקייט". נישט רייסן, חלילה, דאָס אויער פונעם יידישן גביר און סנאָב; נישט קאַליע־מאַכן, חלילה, דעם אַפּעטיט פון די „פּראָספּעריטי"־לייט אין ארץ־ישראל צי אין אַמעריקע.

„כ'וועל לעבן!" (לא אָמות, כי אחיה") פון בערגעלסאָן ווערט גאַליק באַשפּיגן פון די זאַטע פיינשמעקער, אָבער קיין אַנדערע, „אידעלערע" ווערק פון ד ע ר „מיליע" זעט מען נישט און מ'הערט נישט, נישט הי און נישט מעבר לים.

קומען מיר און רופן:

צופועלן אן „אַנשטענדיקן“ שלום, אָדער פארציען און דערמיט אנטשיידן דעם אויסגאנג פונעם קריג לטובת זיך. אָבער פון דערפארונג איז באוווּסט, אז פונקט ווי דער טאנק, אלס נייע דערפינדונג אין יענעם וועלט־קריג, האָט נישט אנטשידן דעם אויסגאנג, וועט אויך דאָסמאָל „V 1“ און „V 2“ נישט קענען אנטשיידן. אין בעסטן פאל — ערשט אין וועלט־קריג „נומער דריי“..... צי קען מען זיך איצט אויסמאָלן די גרויזאמע שרעק פון א קריג, וואָס וועט געפירט ווערן מיט א פארבעסערטן „V 2“? —

אפשר איז היינט נאָך צו פרי צו רעדן וועגן דעם?! —

---

עס ווערן שוין אָבער באפרייט לענדער, און פעלקער גייען — אויסגעבלוטיקטע, אויסגעמאטערטע, נאָך א תקופה פון פארטיזאנעווען און „מאקי“־וועָן — טיילווייז צוריק אין זייער הויז, הויף און שטאל, בעת דער הארמאט און באָמבע, מינע און קויל טוען נאָך זייער פארניכטונגס־ארבעט. פראנצויזן, בעלגיער און האָלענדער אין מערב־איראָפּע; ווייסרוסן, אוקראאינער, ליטווינער, פּאָליאקן און אנדערע אינעם סאָציאליסטישן ראטנפארבאנד — יעדער אויף זיין שטייגער — קומען צוריק צו פאבריק און אקער, צו היים און געגנט. אמת, מיט טיפן טרויער אין הארצן, מיט ווייַ און בראָך אין דער נשמה — נעמען זיי זיך צו דער ארבעט. און פון זייער מי גייט־אויף ניי לעבן; פון זייערע, מיט בלוט איבערגעטרונקענע, פעלדער גייט־אויף ברויט און פרייד; פון זייערע באנייטע כאטעס גייט־אויף ניי פאָלק און נייער דור!...

אָבער פאר אונדז, יידן, וואָס וועט אויפגיין אין יענע פארברענטע, אויסגעקוילעטע, אויסגעשענדעטע, פאראשטע, פארקוילטע, פארגאזטע שטעט און שטעטלעך פון אוקראאינעס רחבות, פון ליטעס און ווייסרוסלאנדס פארחלומטקייט, פון פוילנס ראָמאנטיק? — אן אומענדלעכער קבר וועט זיך ציען אויף דער גאנצער שטרעקע פון קראסנאָדאר ביז — — — ווער ווייס דען איצט שוין, ווו עס וועט זיך ענדיקן דער לעצטער שפּאַן פון דעם מיט יידישן אש געפלאַסטערטן שאָסיי?

---

איין גרויסע טרייסט איז דאָך פאראן אין אונדזער טרויער:

אונדזערע ברידער האָבן, נישט ווי געטרעטענע קנעכט, זיך מקריב געווען און דורכדעם געשיצט דעם כבוד פונעם יידישן פאָלק. זיי זענען אויפגעשטאנען מיט געווער קעגן דעם מעכטיקן שונא און מיט איבערמענטשלעכן העראָיזם געפירט די שלאכט אין די מויערן פון געטאָ, ביז זיי זענען געפאלן אליין און דורכגעלעכערט דעם שונאס רייען, ביי דער גלייכגילטיקייט פון אונדזערע „פריינט“ אין דער וועלט. ז י י, אין געטאָ, האָבן געוווּסט צו געבן א ציל דעם אקט פון נקמה; ז י י האָבן געוווּסט מקריב צו זיין אייגן לעבן מיט א כוונה, מיט אן אידעאל — מיט דעם דערהייבנדיקסטן, מיטן סאָציאליסטישן אידעאל. און די אויפשטענדלער פונעם געטאָ האָבן אין זייער לעצטן אָטעמצוג נאָך באוויזן צו שיקן זייער ברכה פארן אויפגייענדיקן יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט און פארן זיך בויענדיקן ארץ־ישראל. איז ד אָ ס נ אָ ך א באווייז, ווי שטארק עס איז געפלאָכטן דאָס געוועב פון יידישן זיין דאָ מיט יידישן זיין אין יעדן ווינקל פון דער וועלט.

ווי ווערעמדיק־קליין אָבער דערשיינען יענע הייפלעך טעראָר־היישעריקן, וואָס ווערן גענערט פון פארביטערונג, אָבער פארמאָגן נישט קיין אידעאל און נישט קיין גלויבן, אנטקעגן דער ריזנהאפטער גרויסקייט פונעם יידישן פארטיזאן, יידישן „מאקי“, יידישן געטאָ־קעמפער אין די וועלדער פון בלוטיקער נאצישער ווילדעניש. היישעריקן קאָנען נאָר פארדארבן דעם שפּראָץ; אָבער העראָיזם און גלויבן, אידעאל און טאט פונעם געטאָ־קעמפער — דאָס איז געוואָרן דער היסטאָרישער אקער, וואָס פארגרייט דעם באָדן פאר א זיכערער און שענערער צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

ח. טורנער



## צו דייטשלאנד

אברהם לעוו

מיין קללה שפארט פון מיר ארויס צו דיר מיט אלע כוחות,
אין יעדער שטאָט און לאנד האָסטו אויפגעשטעלט פאר אונדז מזבחות;
אויף אלע שייטערס דיינע האָט מען אונדז געפייניקט און געבראָטן.
דיין פיין־געשניצטע אריער־נאָז האָט אָט דעם ריח איינגעאָטעמט,
דעם ריח, וואָס ט'געטראָגן זיך פון יידיש־סמאליענדיקע לייבער און ביינער..
אזא פארנעם האָט קיינער נאָך עס נישט געטאָן פאר דיר, ניין, קיינער!
אזא מין מאסן־מאָרד, נישט געזען האָט נאָך די זון, נישט די לבנה.
האָסט אויפגעשטעלט מיידאנעקס און טרעבלינקעס, אויף אומקום פאר מיליאָנען
ווו ס'זענען דאָרט אין גרעסטן פיין געפאלן מיינע ברידער.
האָסט פארן טויט געשניטן לייב, געריסן לעבעדיקע גלידער,
געלאָזן שטארבן די פארפייניקטע, צעבראָכן און פארשפיגן;
עס האָט דיין אריער־הארץ געשעפּט קוואלן פארגעניגן,
זעענדיק פאר זיך בלוט, יסורים, טרערן גאנצע טייכן...

צו וועלכער חיה, צו וועלכן וואלד־באשעפעניש קאָן מען דיך פארגלייכן?
אזא מין בריאה האָט אפילו דער טייוול נישט געקאָנט באשאפן,
ווי דיך, דו „הערן־פאָלק“ און אלע קעגן דיר זיין שקלאפן.
אפילו אָט די שלאנג, וואָס בייסט, טויט אויכעט שנעל אוועק איר קרבן,
ביי דיר איז דער פארפייניקטער צוביסלעך אָפּגעשטאָרבן, —
און דאָזעסווייז ארויסגעצאפּט דאָס בלוט און די נשמה.
א חרפה פאר דער שלאנג, . זי אָנרופן דיין נאָמען — — —

יאָ, האָסט א וועלט אויף אש און שטויב צעמאָלן,
נאָר איצט פאר אלץ, פאר אלצדינג וועסטו צאָלן.
פאר בלוט פון אומשולדיקע קינדער, מענער, פרויען,
פאר שווארץ־מאכן די הימלען, זוניקע און בלויע.
אווו ביסט דורך — האָסטו געלאָזן טייכן בלוטיקע רויטע,
ס'איז ווייניק איינמאָל זאָלסטו שטארבן, דיך דארף מען צען מאָל טויטן...
אווו ביסט דורך — האָסטו געלאָזן טרערן, צער און אימה,
און איצט פארוויסטעטע וועלן ווערן אויכעט דיינע היימען;
און דיינע פרויען וועלן קלאָגן נאָך די זין און מענער.
אויף גאסן חרובע וועלן דיינע אדעליקע קלייבן שפענער —
די ביינער צו דערוואַרעמען, וואסער אויפצוקאָכן;
דיינע פיין־געפלעגטע דאמען וועלן ארומגיין חרוב און צעבראָכן —
און זוכן אויפן מיסט מיט אָפּפאל זיך דערנערן.
ס'וועט טריקענען דער צער, דעם קוואל פון דיינע טרערן,
און אויסריבען פון פיין וועלן דיינע אויגן;
און ווער ס'וועט בלייבן — אומגיין וועט, פון אומגליק, איינגעבויגן
גלייך ווי א חיה, א געריודפטע, זיך אומקוקן מיט מורא...

פארשעלטן וועסטו דיינע פירערס און פארפירערס אויף דור־דורות,
וואס זיי האבן געשטעלט אין קאן און אלץ פארשפילט שוין, —
נאר דיך — א גאנצע וועלט וועט פלוכן, שילטן.
עס שעלטן דיך די טויטע אין דער ערד און די, וואס זענען לעבן נאך געבליבן,
ווישטא פאר דיר נאך אזא קללה, וואס א מעטשלעכע האנט האט אויפגעשריבן...

דיין ערד וועט בלייבן וויסט, אן עדות, א פארשאלטענער, א שטומער,
אפילו חיות וועלן אויסמיידן אויף דיר ארויפצוקומען;
ווייל ווילדער, ווי דער וואלף און ווי דער בער נאך זיין פארצוקונג,
האסטו געדארשט נאך בלוט, מיט ראפינירטקייט און מיט קלוגן,
מיט קליגלען זיך, דיין קרבן פון דער נארע אויסצונארן —
אים קארמענען מיט האפענונג, מיט מורא, מיט געפארן,
דאס בלוט אים אויסצאפן, אויסטרינקען, אויסנאגן,
ווי ס'פלעגט דער רצון פון דיין ווילדן משוגעת דיר אונטערטראגן...

ווער בין איך איצט, א דיכטער א פאריתומטער אין דער גרויסער וועלט פארלארן,
אן טאטע־מאמע, ברידער, פריינט, ווי ס'וואלט א שטיין מיך גאר געבארן, —
אפילו נישט א קבר איז ערגעצן פון זיי פארבליבן;
דעם גוף — פארברענט, די אש — צעשטויבט אויף ימען זיבן...
פארשאלטן פאלק, פארשאלטן זיי, כ'וועל עס קיינמאל דיר פארגעסן.
עס בריט מיין לייב דער האס צו דיר, דורך טעג און דורך מעת־לעתן,
און כ'וועל אים טראגן שוין אזוי מיין גאנצן לעבן, —
אויף דור און דורות וועל איך אים צו קינדער איבערגעבן — — —

...און איצט געקומען איז פאר דיר די שעה פון צאלן;
„זאלסט אפמעקן דעם זכר פון עמלק.“
אזוי אויך אפגעמעקט, פארטיליקט וועסטו ווערן.
פארשאלטן זיי, פארשאלטן ט'זיין דיין זרע.
ווי אויף א שלאנג וועט קיינער זיך אויף דיר דערבארעמען;
פארשאלטן ט'זיין די פרוי, וואס וועט דיין לייב מיט אירן ווארעמען.
געליימט זאל זיין די האנט, וואס וועט צו דיר זיך שטרעקן מיט באגריסונג.
א חורבן וועט דיין גורל זיין, חורבן און פארוויסטונג...
די זין, וואס דו וועסט אויסטראגן געראטענע און שיינע,
זאלן יונגערהייט נאך אפדארן און ווערן זקנים.
די זאנגען דיינע אויפגיין זאלן מיט שטיינער, אנשטאט קערנער,
און אויף די פעלדער דיינע, אנשטאט תבואה, וואקסן זאלן דערנער.
נישט ברכה־רעגן זאל נידערן אויף דיר, נאר האגלען זאל מיט פעך און שוועבל,
און אפגעמעקט זאל ווערן אלץ, וואס אויף דיין שויס וועט לעבן!...

און אז וועסט ליגן שוין פארמאטערט און צעבראכן,
וואן אויפהענגען וועט מען אויף דיר א ריזן־שארבן מיט צוויי טויטן־קנאכן;
זי אויף אן ארט, וואס איז פון עיפוש און דורך גיפט פארפעסטעט.
פאר דורות זיין וועסטו א ווארענונג, אויב עמיץ ט'וועלן זיך פארמעסטן,
א פלאטער־טאן אריבער וועלט מיט פליגל שווארצע, ווי ביי ראבן,
און אלץ, וואס לעבט מיט שארפער שווערד פארשניידן, —
אז אויך דיין סוף, דיין וויסטן סוף ט'ער האבן,
אז אויך דיין בראך, דיין גרויסע בראך ט'אים נישט פארמיידן...



א. ריוועס

# א חלום

**דערציילונג**

איבער א דערפל אין שרון האט חודש ניסן קאפריזנע געטוישט די טעג, ווי א האזארד־שפילער די ראשיקע קארטן. איין טאג איז נישט ענלעך געווען צום צווייטן. אט איז הימל און ערד פארשמירט מיט מוטנעם פארעדיקן נעפל, און א הייסער דרום־ווינט יאגט צוגעברענטע ריחות פון מדבריות און בריט מענטש און בהמה. פון מוטנעם אשיקן הימל גנבעט זיך דורך א שטיקל זון אין געשטאלט פון א לבנה און גיט אנצוהערן, אז לאנג וועט עס נישט אנהאלטן דעם חוזק. פארנאכט יאגן פונאנדער קאלטע ווינטן, טונקעלע, פיאלעטע וואלקנס און עס הייבט־אן שמייסן אין אלכסון א פארשפעטיקטער פסח־רעגן. עס שמעקט מיט שוועבל און בליעכץ פון מאראנצן־ביימער. —

אויף צו־מארגנס שטייט שוין ווידער א לויטערער זוניקער טאג מיט בלויע טיפע הימלען איבער אנגעצונדענע גרינע פעלדער, און ווינט יאגט שטיפעריש דעם ווייץ, לופטערט דורך די בייטן־בלעטער פון כלערליי ירקות הינטער די ליכטיקע דארפישע הייזקעס—און פאר־איינוועג מאכט עס אן א ווינטיקן ליארעם אין די אקארשט צעהאנגענע וועש פון ברזלים חצר.

חוה, ברזליס פרוי, א יונגע מוטער פון דריי קינדער, שפילעט־אן פלינק מיט האלץ־צוועגעלעך די ציכן און ליילעכער אויפן שטריק — און זוניקער ווינט כאפט זיי אויף ווי אנגעבלאזענע ווייסע זעגלען.

חוהס טונקעלע קארשן־אויגן לייכטן אין ברוינעם פנים פארטייענדיק, קרומלעך און דערמאנען מערער אין א כינעזערין פון עקזאטישן ווייטן מזרח, איידער פון אוקראינישן כערסאן. די אויגן טראכט איצט פון ברזיליען, וואס איז מיטן שפראץ פון באגינען געפארן אין שטאט אריין דערליידיקן ענינים פאר דער ווירטשאפט, זיך דורכרעדן פאר־איין־וועג מיט זיינע שטאטישע וועגן גרויסן אומגליק, וואס האט ארומגעכאפט זייערע היימען אין פוילן ביי די בלוט־דורשטיקע נאציס. איר הארץ הויבט־אן קלאפן האסטיקער, ווען זי דערמאנט זיך אין אירע יינגערע ברידער, וואס שלאגן זיך איצטער זיכער אין דער רויטער ארמיי קעגן די נאציס אין אוקראינע. וועגן אירע עלטערן האט זי שוין א קנאפערע זארג — זיי לעבן שוין נישט זינט קורץ נאך איר אפפאר אין א״י, ווען זי איז אריין אין קיבוץ אויפן חשבון פון קאלעקטיוו. דארט אין קיבוץ האט זי זיך פארבונדן מיט זשעלאזקאן וואס האט איבערגעפלאנצט זיין פוילישן פאמיליע־נאמען אין „ברזלי“. זיי האבן דאן ביידע דורכגעלעבט אין קיבוץ שווערע יארן. די זארג איז אבער געווען א שותפותדיקע, נישט געפאלן מיט צושווערן לאסט אויף די אקסלען פון יחיד. —

ברזלי האט דאן געקריגן א סומע געלט פון זיינע עלטערן, ער זאל פאר זיי איינקויפן א נחלה. ער איז מיטגעגאנגען מיטן שטראם צייטיק־געווארענע רעאליסטן, וואס האבן נישט געקענט שלום מאכן מיטן אסקעטישן אידעאליזם פון קיבוץ — און זענען אוועק אויף אייגענעם באדן אין דארף, און אויף אייגענע זארגן.

חוה האט זיך אלעמאל אפגעריסן פון דער וועש און געלאפן א שמעק טאן אין אן אנדער ווינקל פון דער ווירטשאפט — עס האט איר אלעמאל אויסגעדאכט, אז אט קומט ער אן, ברזלי, כאטש זי האט קלאר געוווסט, אז דער אויטאבוס פון שטאט קומט־אן איצט א שעה פאר זונאונטערגאנג. — האט איר א שכנה א טובה געטאן, ווי אין אן עת־צרה, און געקומען אויסמעלקן די פאר קי, וואס האבן פארבענקט גערופן פון די שטאלן מיט צעצויגענעם בהמישן געברום. פון עופות־שטייג האבן די הענער געענטפערט מיט העזה, מיט קוקעריקו־געשריי און צוויסן געגעבן זייער מבינות אויף א נאענטער וועטער־ענדערונג. —

די שכנה, א פרוי אין די פערציקער, מיט א פארבונדענעם טיכל אויפן קאפ און פארשארצטע עלנבויגנס, האט מיט א בלישטש אין די אויגן געקיבעצט אויף חוהס חשבון, אז דער מאן האט זי נישט ליב: וואס האט זי זיך, חוה, אויסגע־

א שנאה אין הארצן, הא? דוכט זיך, וואס דער גראבער שכל לערנט דיך — טוט מען פארקערט. דאס, וואס מיר מאכן איצט דורך, זשעלאזקא, האט זיך דען נישט איבערגעחזרט מיט דורות צוריק? אונדערע זיידעס, די נאציאנאלע העלדן און פאטערן — האט וולאדעק זיך אראפגערעדט פון הארצן — זענען נישט פארטריבן געווארן פון זייער ערד און זיך געפלאגט אין פרעמדע לענדער? געטרוימט פון פוילנס באפרייונג, און זייערע ביינער האבן געפונען אייביקע רו אין די אינגעווייידן פון פרעמדער ערד?

ברזלי האט, האלב־פארשלאפן, געהערט וולאדעקס ווידוי־רייד. ער האט געהאט אים א סאך צו ענטפערן, און דאך זיך נישט אנגערופן מיט א ווארט. ער האט נישט געוואלט שטערן זיינע אייגענע דערדריקנדיקע געדאנקען, וואס האבן אויפגעלעבט אינעם זעלנערס השתפכות הנפש. — פאר אים זענען געשטאנען טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, און מיט אויסגעשפרייטע הענט געזוכט א רעטונג פון דער בלוטיקער מגפה.

ווען ברזלי איז אוועק צו זיך אויפן געלעגער, איז וולאדעק ווידער געבליבן אין דער פינצטערניש. די געדאנקען האבן זיך געצויגן ווי בליצן און געמאטערט דעם געשלאגענעם קערפער. אט לאזט זיך דער מוח אראפ אלץ נידעריקער, נידעריקער און א באפאלנדיקער שלאף, א הארטער, אנגרייפנדיקער, טראגט אים ווייט אוועק פונדאנען, ווייט איבער צוויי צענדליק יארן צוריק. אט זיצט ער מיט זשעלאזקאן אויף איין באנק אין רעגירונגס־גימנאזיע. דער פאן פראפעסאר, דער לערער פון מאטעמאטיק צייכנט מיט קרייד אויף דעם שווארצן ברעט א געאמעטרישע טעארעמע. ער כישופט אויס מיט קרייד קאנוסן, ווינקלען, פארווארפט בריקן איבער צירקלען. ער רעכנט צונויף אותיות מיט פירקאנטיקע פלאכן. אין וולאדעקס מוח איז ווי א קאשמאר — איינס קלעפט זיך נישט צום צווייטן, טארעט ער מיטן עלנבויגן זשעלאזקאן, ער זאל אים קונציק אונטערטראגן א צעטעלע, אן ענטפער צו דעם רעטעניש. די שארפע אויגן, דער זילבערווייסער קאפ פונעם פראפעסאר פארשט־נאך שטרענג איבער די קעפ פון די שילער, שטעלט זיך אפ איבער וולאדעקן. אט הייסט ער אים צוגיין צום ברעט. ער גייט איבער דער פאדלאגע, ווי ער וואלט געגאנגען אויף גומענע פיס. איבער דעם שווארצן ברעט הייבט־אן וולאדעק צו צייכענען דעם באקאנטן נוסח: „זשידעק, זשידקו”... און פון אונטער דעם קרייד צירקלען זיך גאר אויס: „וולאדעק, וולאדקו... ד־א פ־א־ל־ע־ס־ט־י־נ־י”! די ווערטער הייבן אן אראפפליען פונעם שווארצן ברעט, דרייען זיך אין ספיראלן, העראגליפן, פארפלאנטערן זיך ארום וולאדעקן — און עס טראגט אים אין דער הויך אין א דרייענדיקן ווירוואר, מיט פראפעלער־געראויש. ער הייבט זיך שווינדלענדיק איבער וואלקנס, איבער כוואליענדיקע ימים — און מיט א שניידיקן באמבן־סווישטש האט זיך וולאדעק א פארמאטערטער אויפגעריסן פון שלאף — און זיך געפונען אויפן געלעגער ביי זיין אמאליקן יידישן שול־קאלעגע.

אינדרויסן איז שוין געשטאנען גרויסער טאג. ברזלי האט זיך פון לאנג שוין געפארעט איבערן חצר און אין שטאל האט חוה געמאלקן די קי. פולע עמערס מיט מילך, מיט פעטן בלעזלדיקן שוים האבן געשפרייט ארום זיך ריחות פון סמעטענע און קעז.



# יידיש פאלק, יידיש און ארץ־ישראל

א. גלאנץ־לעיעלעס

אין דעם היסטארישן גורל פון א פאלק זענען זעלטן פאראן צופאלן. וואס עס איז געווארן — האט מסתמא ג ע מ ו ז ט  וו ע ר ן. הונדערטמאל ריכטיקער איז אט דער אמת בנוגע אזא כוח פון דעם נאציאנאלן קיום און פון דעם פאלקסלעבן, ווי שפראך. שפראך איז נישט בלויז פורעם, אינסטרומענט, לבוש. שפראך איז גרינטלעכער תוכן, נשמה און גורל. די יידישע שפראך איז אונדזער גורל און אונדזער לעבן. איך וויל זיך ביי אט דער געלעגנהייט נישט אריינלאזן אין יענע טיפענישן פון אונדזער לשון, וואס ווען מען קוקט אריין אין זיי מיט דעם אויג פון פארשטענדעניש און מיט הארץ פון וויסן — דאס הייסט מיט ליבשאפט — זעט מען דארט דאס פרצוף־פנים פון אונדזער פאלק, ווי עס איז, ווי עס לעבט און ווי עס האט זיך אויסגעשטאלטיקט פאר די לעצטע קנאפע טויזנט יאר; דאס קלסטר־פנים פון דעם יידישן גורל אין זיינע גרינטלעכסטע מאניפעסטאציעס — ספעציעל אין דעם נייעסטן פעריאד, פון זינט עס האט זיך אנגעהויבן די סעקולאריזאציע פון דעם יידישן לעבן.

איך וויל דא אויך נישט אפשטעלן זיך אויף דעם אומבאשטרייטבארן פאקט, אז די גאנצע יידישע געזעלשאפטלעכקייט אונדזערע, אלע אונדזערע שעפערישע באוועגונגען — סיי דער סאציאליזם, סיי דער נאציאנאליזם, ממילא: ציוניזם, בונדיזם, טעריטאריאליזם — זענען פארבונדן ארגאניש מיט יידיש. אויך וועל איך זיך דא אפהאלטן אנצוווייזן, אז דאס, וואס מען רופט רענעסאנס ביי אלע פעלקער, און וואס איז פארבונדן דער עיקר מיט דער לעבעדיקער שפראך פון דעם לעבעדיקן פאלק, איז אויך ביי אונדז געגאנגען דורך יידיש, כאטש דער דאזיקער רענעסאנס האט — פונקט ווי ביי אנדערע פעלקער — אין אנהייב געהאט דעם כאראקטער פון רעליגיעזע רעפארמען, אין דער געשטאלט, למשל, פון חסידות.

דאסמאל וויל איך בלויז באטאנען, אז פארבונדנקייט מיט יידיש, מיינט פארבונדנקייט מיט דעם יידישן פאלק און מיט דעם יידישן לעבן. און — פארקערט — אפגעריסנקייט פון יידיש, פירט צו דער אפגעריסנקייט פון דעם יידישן פאלק, פון זיין לעבן און פון זיין גורל. דאס איז ריכטיק אומעטום. נישט בלויז אין די לענדער פון דעם אזוי־גערופענעם גלות, נאר אויך אין יענעם לאנד, מיט וועלכן א גרויסער טייל פון אונדזער פאלק האט פארבונדן זיינע גרעסטע נאציאנאלע האפנונגען, זיינע עמאציאנעלסטע בענקשאפטן נאך קיום־האומה — מיט ארץ־ישראל.

עס איז נייטיק, עס איז אבסאלוט וויכטיק, צו אנערקענען דעם פולן ווערט פון העברעיש אין דעם יידישן לעבן, פאר דעם יידישן גייסט און גוף. מען דארף אין פול אנערקענען דעם אויפטו פון העברעיש אין ארץ־ישראל. עס איז איינס פון די וואונדער, פון די נסים, מיט וועלכע דאס יידישע פאלק לעבט, וואס לויכטן דורך דער יידישער נאציאנאלער עקזיסטענץ. אבער בלויז מיט און דורך יידיש קאן אנטוויקלט ווערן דער גאנצער ווערט פון העברעיש אין אונדזער היסטארישן שיקזאל. בלויז אינאיינעם מיט און דורך יידיש קאן העברעיש האבן יענע קאלאסאלע אויפהאלט־באדייטונג פאר אינדזער פאלק, וואס זיין לעבן און זיין קיום איז דער זין פון אלע אונדזערע שטרעבונגען, פון אלע אונדזערע געדאנקען, געפילן און טואונגען. דאס פאלק און זיין קיום איז דאך איבער אלץ! ק י ו מ י ז ם — דאס איז דאך אונדזער אלעמענס שטארקסטער „א י ז ם”.

אן יידיש מוז דאס לעבן אין ארץ־ישראל ווערן אויס יידיש, נישט בלויז שפראכלעך, נאר אויך נאציאנאל; מוז ארץ־ישראל ווערן פרעמד דעם לעבעדיקן יידישן פאלק, וואס זיין גרויסע מערהייט וועט בלייבן אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל. אן יידיש האט העברעיש אוודאי נישט קיין האפט אין אלע אנדערע לענדער, א שטייגער אין אמעריקע. עס ווערט דא דווקא א מין מיטל פון דערווייטערונג פון יידישן פאלק, אן אינסטרומענט מיט צוויי

סיי אויפן שטח פון אָרט סיי אויפן שטח פון צייט.

אָנערקענט דעם טעות, פאַרריכט אים. שטעלט־אָפּ דעם באָיקאָט אויף יידיש. נעמט יידיש אריין אין דעם לעבן פון ארץ־ישראלדיקן ישוב, אין זיין דער־ציאונג און איינשטעל. פאַרבינדט תּוכיק און אָרגאַניש ארץ־ישראל מיט דעם גלות, פאַרבינדט דעם איצט מיט דעם שפּעטער, מיט דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק. זאָגט זיך אָפּ פון געקינצלטע עקספּערימענטן און קאָנסטרוקציעס אויפן חשבון פון דעם לעבעדיקן יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם.

אָנערקענט אייער טעות; מיט דער גאַנצער געטריישאַפט צו העברעיש, אָנ־ערקענט ברידערלעך אייער אייגן לשון — י י ד י ש !

---

## י. צ. שאַרגעל מיין שוועסטער פּערל

אין א דאָרף צווישן כעלם און לובלין
(די ערד, וואָס דער דייטש האָט
געלעסטערט),
צווישן וועלדער און פעלדער פול גרינס,
וווינט דאָרט פּערל מיין שוועסטער.

איר אויסזען: שוואַרץ און באַהנט,
נאָר גראָ אירע האָר — פאַר דער צייט.
אין דאָרפישן עלנט — א שטיין,
מיט בענקשאַפט צו בלויאיקער וווייט.

זי איז א יידענע א פּשוטע, שטילע, —
א מאמע צו קינדערלעך אכט.
פול איז איר הארץ מיט תּפילות,
מיט עצות, מיט הילף איז עס וואך.

מעשיות טוט זי דאָרט דערציילן
אין פראָסטיקע נעכט ביים אויוון;
פּערל קען אלצדינג אויסהיילן
מיט כּוח פון ליבשאַפט און גלויבן.

זי שפּרעכט־אָפּ אן עין־רע, א רויז;
שטעלט באַנקעס, פּיאַוקעס, קאָמפּרעסן.
פול איז מיט גוטסקייט איר הויז,
נאָר... קאַרג פאַר די קינדער דאָס עסן.

איר כאַטע איז נידעריק און קליין,
כאָטש רייך איז דאָס דאָרף, די שכנים;
מיין שוועסטער איז הויט און איז ביין,
נעצט־דורך די נעכט מיט געוויינען:

מיידלעך וואַקסן־אונטער, ווי קרויט,
די יינגסטע פאַרפלעכט שוין א צעפּל...
ביי דער מאַמען רינצלט די הויט,
אירע באַקן — געבראָטענע עפּל.

ווי קען אים דעם מזל דעם וויסטן,
זי ווייסט; ס'איז אַזוי איר באַשערט!

פּערל פירט די מיידלעך פאַר דינסטן
און קוקט מיט האָפענונג צו דער ערד.

פּערל קען דעם וואַלד און דעם שליאַך
און די שכנים — די גאַוהדיקע דייטשן.
זייער מוראַדיק זינגען ביינאַכט
און דאָס וויינען פון פערד אונטער בייטשן.

ראובן, איר מאַן, איז א געלער,
מיט געדיכטע ברעמען און באָרד,
כאָטש דאָס דאָרף איז אים ווייַ, ווי זיין
פעלער,
איז אים ליב, איז אים טייער דאָס אָרט.

מיט שווערע צעשפּרייטע טריט
שפּאַנט ער, ראובן — איר מאַן,
א פּראָסטער, א דאָרפישער ייד,
איז אים ניחא דאָס, וואָס פאַראַן.

ער קומט נישט צו קיינעם מיט שאלות:
„הלמאַי?! און פאַרוואָס?! און וויאַזוי?!"
דאָס דאָרף האָט ליב זיינע מעלות,
ווי דאָס פעלד, די תּבואה און דאָס שטרוי.

מיט די גויים ער פאָרט אויף יאַרידן,
אין זיין זעקל: בטחון און גלויבן.
ער לעבט־אויף אין באַריר מיט יידן,
וואָס שוועבן אויף די מערק, ווי טויבן.

געקומען ר'איז אהער מיט זיין פּערל, —
מיט ליבע צו איר און צו דער ערד,
פאַרבונדן מיטן דאָרף זייער גורל,
צו א לעבן, וואָס דעם ייד איז פאַרווערט...

צו ביימלעך מיט עפּל און באַרן,
צו א קו און א קעלבל אין שטאַל;
צו ערד און ערדישע געפילן,
צו וועלדער און לויטערן קוואַל,



צו גראָז ביי די פענצטער און שוועלן,
צו פעלדישן ווינט און געפּריר:
מיט גרייטקייט צו פרעמדע באַפעלן,
עפענען פאַר יעדן די טיר.

נאָר עס טרעט זי זעלטן־ווער איבער.—
דייטשן האָבן פיינט זיך צו מישן...
בלויז ווען עמעץ פון זיי איז אין פיבער
טוען־זיי מיין שוועסטער צו וויסן;

— „ראָובינשע, האַרציקע, ליבע,
עס וואַרט אויף אייך דרויסן דער וואָגן!
ווען די קינדער מיין פּערלס, די טריבע:—
מונדזשיא, זאָלסט ניעמאַלס זיי שלאָגן!"...

נאָר מונדליין האָט ליב גראָד דאָס שלאָגן,
פאַרקריצט ער די ציין מיט פאַרדראָס...
אין אין איינעם סעפּטעמבערס פאַרטאָגן
איז געפאַלן דאָרט זיין גרויליקסטער שאָס.

ציט זיך פאַרביי הייפל דער טראַקט,
וואָס פירט פון דאָרט צו די וועגן.
פּערל האָט די פענצטער פאַרהאַקט,
מיין שוועסטער זעט אָנקומען דעם רעגן.
— — — — — — — —

מיט פערדישער שוימיקער תּאווה
צו זנות, רציחה און רויב,
האָט קאַלאָניסטיש־דייטשישע גאווה
צערודערט דעם שליאַך אין א שטויב.

פון שטעט און שטעטלעך אַרום
געלאָדן די פורן מיט גוטס,
די מאַריא'ס צלמען זיך פרום —
פונעם רויב טריפט יידיש בלוט.

פינגערלעך — צוזאַמען מיט פינגער,
אויערינגלעך — צוזאַמען מיט אויערן,
פערדישע גלעקלעך קלינגען —
עס פּראַלן קאָלאָניסטישע טויערן.

קישנס מיט בלוט פון דער שחיטה,
נאָך נאַס פון דער קינדישער טרער.

מיט בעסטיע־אויגן צעגליטע,
ציט זיך דער מאָרד־צוג אהער.

זעגען עלטערע קינדער אנטלאָפן
צום רעטער — די רויטע סאָלדאַטן.
ביי מיין שוועסטער איז מען מער נישט
געשלאָפן —
ווייַ צו דער מאַמען און טאַטן! — — —

זייער פּחד איז אריין אין דער כאַטע,
פאַרכאַפּט ביי די פּיצלעך דעם שמייכל:—
„א פאַרשאָלטענער שלייכט־אום דער
טאַטע?!
די מאַמע האָט פאַרלוירן דעם שכל?!—

וואָס האָט זי פאַרהאַקט אַלע טירן?
וואָס האָט זי פאַרשפּאַרט אונדז אין
שטיבער?
ווער וועט אונדז אין פעלד אַרויספירן?
וואָס ציטערט דער טאַטע און פיבערט?!"..

עס פאַכען מיט שווערדן די רויבער,
פול ווערט דאָס לאַנד מיט די ווייען,
נאָר מיין פּערל, אין וווּנדערלעכן צויבער,
וואַרט אויף דער געטלעכער באַפרייונג.

זי וועט דאָך קומען די מינוט, אָט די
גרויסע,
וואָדען, א וועלט איז פון זינען?! — —
מיין שוועסטער גלייבט נאָך אין מופתים,
זי גלייבט: פון גורל צו אנטרינען.

און איר שכן, דער מערדער מונדליין,
וועלטיקט מיט ביקס און מיט סם.
דער ווינט ברענגט אהער דאָס געוויין
פון מיין שוועסטער—דעם דאָרפס הייבאַם.
— — — — — — — —

אין א דאָרף צווישן כעלם און לובלין,
(די ערד, וואָס דער דייטש האָט
געלעסטערט),
צווישן וועלדער און פעלדער פול גרינס
וווינט דאָרט פּערל מיין שוועסטער?!

## פּערל טענהט מיט גאָט

אין דאָרף בעקעשע שיט זיך א שניי.
מיין פּערל האַלט וואַך אויפן גאַניק.
זי דערשטיקט און פאַרקראַמפּט דאָס
געשריי. —
דער טראַקט פירט פון דאַנען קיין
מאַידאַנעק! — —

די פּיצלעך, — אוי הונגעריק און שוואַך,
ווי וועלן זיי דערשלעפּן זיך אַהין? —

זי שטייט דאָ און היט זיי אין דער נאַכט,
אויפן טראַקט צווישן כעלעם און לובלין.

דאָס קלעטער־גראָז — טרוקן און דאַר,
פאַרשטעלט נישט פון גאַניק די שיין.
מיין שוועסטער מיט טענות צום האַר,
בינדט־פונאַנדער די ווק פון איר פּיין.

דער בוים—ארומגעפליקטער אינעם סאָד,
שטרעקט־אויס איר א צווייג — א האנט;
דער שטריק אויפן ברונעמדיקן ראָד
רופט זי צו יענער זייט פון לאנד...

די אויפגעריסן־ליידיקע שטאל —
א מויל מיט אויסגעהאקטע ציין! —
סוד'עט צו איר שבתדיקער שאָל,
און די אויגן רינען־אויס פון געוויין:—

„אָ, יאָרן אָפּגעלעבט מיט שכנים,
טענהט זי, מיין פערל, צו גאָט.
דאָס דאָרף פארמאָגט אזויפיל חנען,
נאָר דיין טאָכטער—צו שאנד און צו שפּאָט.

„אנומלט ערשט אויסגעהאקט דעם טאָרף,
און מיט שטרוי ארומגעבעט די ווענט.
כאָטש געלאכט און געחוזקט האָט דאָס
דאָרף
און געביילט האָבן שנאָהדיקע הענט.

„אָנגעריסן פארטעכער מיט שטשאוו, —
עס גייען דאָך נעכט אזעלכע גרויסע.
די קינדער האָבן פיש געבראכט פון סטאַוו,
געכמארעט און געברוגזט האָט דער
דרויסן.

„צו סליחות געגאנגען האלבע נאכט,
דינען דיך מיט כבוד און מיט מורא.
אז מ'האָט די יידן פון ארום אומגעבראכט,
ווער וועט דיר איצט טאנצן מיט דער תורה?

„אויב ראובנ'ען פון בעט ארויסגענומען,
א גוסס — אים געוואָרפן אויפן וואָגן.
ווער וועט דאָ צום מנין ווידער קומען?
ווער וועט איצט תפילות צו דיר זאָגן?

„עס שטייט דאָך בפירוש אין די ספרים,
אז נישט די מתים וועלן לויבן דיך, האר!
וואָסזשע טויגן דיר די אָן־א־צאָל קברים,
מזבחות פון גרויל און פון צער?!" — —

איר סעדל האָט זיך אימהדיק צעשושקעט,
מיט א פרעמדער, שנאָהדיקער שפּראַך.
אויך די זשאבעס האָבן מאָדנע זיך
צעפּלושקעט
ביי דער ברונע — אין דער הארבסטיקער
נאכט.

איבערן דאָרף גייען־אויס שוין די שטערן,
דער גאניק גיסט זיך אָן מיט אבלות.
מיין שוועסטער וואשט־אָפּ אלע טרערן
מיט איר שווארצער שבתדיקער פאטשיילע.
— — — — — — —

אין בעקעשע גייט־אויס שוין די נאכט.
מיין שוועסטער מיט די קינדער אויפן
גאניק.
דאָס דאָרף האָט פארענדיקט די שלאכט.—
דער טראקט פירט אהין, קיין מאידאנעק!

אין בעקעשע שיט א דינער שניי. —
עס לאכן דאָרט דייטשן אויפן גאניק.
מיין פערל מיט די קינדער ·אין געגיי
אהין, צו די יידן אין מאידאנעק!

## מרדכי זילבער — יידיש שאפן אין ארץ־ישראל

שוין עטלעכע מאָל זענען געמאכט געוואָרן פרוּוון פאַרצושטעלן פאר דער ברייטער „יידיש"־וועלט דאָס שאפן אויף יידיש אין ארץ־ישראל. עס וועט זיין נישט מער, ווי נאטירלעך, אז א ישוב, וואָס זיינע „יידיש"־בירגער לאָזן זיך הערן פון צייט צו צייט מיט שאפונגען, פון וועלכע א טייל שטייען נישט אָפּ פון די שאפונגען פון ענלעכע קיבוצים אין דער גאָרער וועלט, זאָלן דערמאָנט ווערן און באקאנט ווערן אויסער די גרענעצן פון זייער אייגענעם קרייז. שוין צוליב דעם אליין, וואָס די באדינגונגען, געהערט און געלייענט צו ווערן, זענען דאָ אנדערשדיקע, ווי ערגעץ אנדערשוו... עס וועט זיין נישט מער, ווי דאָס אָפּצאָלן א קולטור־חוב, אן אלטן חוב.

*

מ'קען נישט ניט אָפּשטעלן זיך אויף דער רעכטלעכער לאגע פון יידיש אין ארץ־ישראל, אויף וויפל מ'וויל נישט אָנרירן די פיינלעכע טעמע. דאָס איז דאָך פאָרט די פריזמע, דורך וועלכער מען מוז באטראכטן דאָס ביז־איצט געשאפענע און דעם פּראָצעס פון שאפן אויף יידיש בכלל דאָ.

די רעכטלעכע לאגע פון יידיש אין ארץ־ישראל איז אן אלט־באקאנטער טרויעריקער אמת. וואָס האָט זייער געהאמעוועט דאָס יידיש שאפן אויף אלע געביטן. נישט געקוקט אויף דער סטיכישקייט פון דער יידישער שפּראַך אין ישוב, וועלכע האָט אריבערגעפליצט און דורכגעבראָכן אלע קינסטלעכע דאמבעס, איז די רעכטלעכע לאגע פון יידיש געבליבן אן אומפארענדערטע. יידיש ווערט באטראכט ווי א לועז, און טראָגט אויף זיך אלע פאָלגן פון א לועז (לשון עם זר) ביי די עקזיסטירנדיקע באדינגונגען היינט־צו־טאָג. די אטמאָספער ארום יידיש האָט געגעבן מוט אפילו ברוינהעמדלדיקע פאשיסטישע יוגנט, אוועקצוגיין אזוי ווייט אין קאמף קעגן יידיש, אז זיי האָבן נישט איבערגעקליבן די מיטלען, און די איינציק עקזיסטירנדיקע יידישע צייטונג „בייוועלט" אויפגעריסן מיט באָמבעס, פארברענט אין די גאסן פון תל־אביב די קיאָסקן, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו האלטן די „קראמאָלע", דעם שרעקלעכן „טריף־פסול" פון יידישן פאָלק, זיין שפּראַך, זיין געדרוקטן וואָרט. און שווער איז געווען, צו אונדזער גרויס באדויערן, ארויסצורייסן אן אנטריסטונגס־וואָרט קעגן די פארלוימדער, נאָר א שוואכן „ידינו לא שפכו את הדם הזה" איז געלונגען צו הערן. ביי אזעלכע באדינגונגען איז שוין פארשטענדלעך, פארוואָס עס איז אזוי ווינציק געשאפן געוואָרן אין די עטלעכע צענדליק יאָר פון דער אינטענסיווער עליה.

עס איז א פאקט, א באקאנטער, אז יידיש האָט אין ארץ־ישראל אירע טיפע וואָרצלען. מיט איר סטיכישן אימפּולס באהערשט זי ברייטע יידישע קרייזן. דאָס ביז־איצט געשאפענע אויף יידיש, פון די ארץ־ישראלדיקע דיכטער, איז פול מיט אָט דעם סטיכישן אימפּולס, וואָס שפּארט און שפּרודלט צווישן די שטיינער, וועלכע מען האָט פארלייגט אויף אירע טיפע און לעבעדיקע קוואלן.

זינגט טאקע דער דיכטער אברהם לעוו, דער דיכטער־ארבעטער פון קיבוץ:

פון קינדערווייז־אָן האָב איך דיך אויפגעטראָגן / מיט ליבשאפט און מיט ציטערניש און צער ./ די שונאים דיינע שטענדיק פלעגן זאָגן / אז שוין באשטימט, פארחתמעט איז דיין גזר.

נאָר דו, געווען ביסטו א ווילדער עקשן, / און אויף צו להכעיס זיי אלעמען געבליט. / און דו האָסט, ווי א בוים א ברייטער זיך צעוואקסן / אין גאס, אין שטוב, אין מעשהלע, אין ליד. ...די וואָרצלען דיינע טיפע האָסט אין מיר געשלאָגן / טראָג איך זיי פריידיק מיט אויף מיין וועג...

און אז יעקב־צבי שארגעל, זינגענדיק וועגן יידיש, פרעגט:

„ווער האָט געגלייכט די קרומע רוקנס?
„ווער האָט געצונדן ליכט־סיגנאלן?
„ווער האָט געזונגען דורות וויי?
„און ווער צעהילכט מיט מאסנס שריי?

ענטפער ער זיך אליין: —

„דו, מיין פארשפיגענע,
„געשענדעטע,
פארשריגענע,
„מיין שפּראַך!" (פון ליד „יידיש").

*

מיט דעם ביז איצט געשאפענעם איז אפשר נאָך צו־פרי צו קומען מיט גרויסע תביעות צו דער יידישער ליטערארישער וועלט. אָבער אז זי זאָל שענקען מערער אויפמערקזאמקייט צו אָט דעם איינגעארטיקן צווייג פון גרויסן יידיש־בוים, וועט זיין נישט צו־פרי און נישט איבערטריבן. שוין אליין צוליב דער שווערקייט פון דער לאגע, ווי שוין דערמאָנט און דער אייגנארטיקייט פון דער שאפונג. ווייל דער ארץ־ישראלדיקער דיכטער און שרייבער, וועלכער שאפט אין א סביבה פון א נייעם לעבנס־שטייגער, אין א סביבה פון אויפשטייג פון שאפנדיקע כוחות, אין א סביבה פון בראשיתדיקייט, טראָגט־אריין זיין ניי וואָרט אין דער יידישער ליטעראטור, לכתחילה אומדרייסט, אָבער וואָס ווייטער פורעמט ער זיך אויס און קריגט זיין אייגענעם פרצוף, וואָס וועט אים געבן זיין באזונדערן ווינקל אין דער יידישער ליטעראטור.

דער יונגער דיכטערישער קיבוץ איז נישט קיין פרעמדער אַנוווקס אויפן ארץ־ישראלדיקן גוף. ער איז א טייל

פון אים. זיין טעמאטיק איז א היגע, און ארץ־ישראלדיקע. ער איז א רעאליער. און הגם ער קאָן נאָך נישט ארומנעמען אין זיין גאנצער גרויס דאָס סטיכישע פון דעם גאנצן לעבן — צוליב דער דינאמישקייט, צוליבן פראָצעס פון זיך־שאפן, פון ענדערן און אָננעמען א נייעם אויסזען, ווייל דאָס לעבן האָט זיך נאָך נישט אויסגעקריסטאליזירט, נאָך נישט איינגעשטעלט, האָט נאָך נישט אָנגענומען די סטאטישע פאָרמען, ווי עס האָבן געהערשט אין דער אלטער היים, און ווו פארן דיכטער איז די אויפגאבע געווען א לייכטערע — האָט דאָך דער היגער יידישער דיכטער בייגעשטאנען דעם פרווו, ארויסגעוויזן זיין קינסטלערישע רייפקייט, און געקנאָטן זיינע דיכטערישע וויזיעס, זיין שאפן פון דעם יוירנדיקן שטאָף. ער איז נישט געהאָנגען על בלימה, אין פוסטן חלל, און געשאפן א חולינופלימדיקע ליטעראטור אָדער א ליטעראטור נישט קיין היגע, געזייגט פון פרעמדע וואָרצלען. ניין! אין זיין דיכטונג שלאָגט דער פולס פון לאנד, זיינע פערזן זענען באהויכט מיטן הייסן אָטעם פון דער היגער זון, מיטן הייסן חמסין, מיטן אייביקן בלוי פון זיינע הימלען. אין זיינע שורות הילכן די האמערן פון אויפבוי; ער פרייט זיך, ווען דער ישוב איז אין פרייד; ער ווייטיקט, ווען עס ווייטיקט דער ישוב. מיר געפינען אים, דעם ווייטיקדיקן אָפהילך אין די פערזן פון יעקב צבי שארגעלס „איין מעת־לעת“

„איז אויף אייביק שוין באגינען יענער
אריין אין מיין געמיט...“

און אין די שורות פון י. פאפיערניקאָוו „אָבלדיק“:

„און אלעמענס טרויער דאָ איצט —
איז מיין אייגענער טרויער, / מיט
וועלכן מען קען זיך קיין שבעה נישט
זעצן און קלאָגן. / נאָר אקערן טיפער
— דאָס אויפגיין זאָל העכער נאָר
שלאָגן“.

אזא איז דער היגער דיכטער; אזא איז דער היגער דערציילער.

*

עס שאפן און ווירקן אין ארץ־ישראל א גאנצע ריי יידישע דיכטער (י. פאפיערניקאָוו, י. צ. שארגעל, אברהם לעוו, אריה שמרי, יעקב שטאָל, רקודה פאָטאש, י. ה. בילעצקי, הלל שארגעל, מאָטל וועקסלער, י. מ. לעדערמאן), דערציילער (א. ריוועס, ל. חיין, י. הייבלום), עסעיסטן (זרובבל, דניאל לייבל, גיטל מייזל) א. א.

עס קומען־צו א גאנצע ריי אָנהייבער, נאָכפאָלגער פון די ערשטע, די וואָס שטעלן שוין קענטיקע טריט, און צווישן זיי אויך אזעלכע, וואָס אדאנק זייערע ארויסגעגעבענע זאמלונגען, קען מען דערקענען זייער ליטעראַרישן פּרצוף: ש. שענהויט, י. גרינבערג, פ. בנאָביב, א. שרפי, מ. זאק (דיכטער), — די לעצטע צוויי אויך אין פּראָזע. עס האָבן פארלאָזט דאָס לאנד, אָנגעזאפּט מיט איר אייגנארטיקער טעמאטיק, שמואל איזבאן (נאָוועליסט), ליובע וואסערמאן (דיכטערין), מ. קאָסאָווער, א. גאָלאָמב (עסעיסטן).

עס זענען אנטשוויגן געוואָרן, אָדער אריבערגעגאנגען צו העברעיש, שפּעטער אין יידיש דאָ אין לאנד, סיי די, וואָס האָבן דאָ אָנגעהויבן שרייבן און הי געוואקסן: דוד טווערדאָווסקי, אהרון קאָווע (דערציילער), און סיי אזעלכע, וואָס זענען געקומען אהער — שוין אָנגעזעענע שרייבער, מיט נעמען: פאלק האלפּערין, י. מ. ניימאן, ד.־ב. מאלקין, ד״ר י. רובין א. א.

עס שיקן פון דאנען זייערע שאפונגען קיין חוץ־לאָרץ: ז. סעגאלאָוויטש א. א.

דאָס איז א רשימה א בכבודיקע, א ווירדיקע. דער גרעסטער טייל פון די אויבנדערמאָנטע נעמען זענען ווערט און עס איז כדאי באזונדערס זיך אָפּצושטעלן וועגן זיי, באטראכטן טיפער זייער שאפן און וווהין זיי צילן.

דאָס וועלן מיר טאָן אין די נאָענטסטע קאַפּיטלען.



הלל שארגעל

## איבער חרובער שטאָט

איך שטיי דאָ אליין מיט דער ביקס
איבער חרובער שטאָט אין דער פרעמד.
אין פינצטער נישטערט מיין בליק,
מיין הארץ — אלע קלאנגען פארנעמט.

בענקשאפטן ציטערן, וויברירן,
מיין פנים, מיינע הענט רירן־אָן. —
וווהין וועלן וועגן מיך פירן,
ביז וואנען דאָס טאָגן הייבט־אָן?

איבער וויפל נאָך בלוטיקע שליאכן?
איבער וועלכע נאָך חרובע שטעט?
מיין הארץ, צעווייטיקט אין וואכן,
די תפילה פון טרייסן עס בעט:

„אָ, נאכט, דו דעקטוך פון גורל,
שטיל־איין די קרעכצן און פיין,
הייל־אויס זייער שלאָף פון דער מורא,
בטחון גיס אין זיי אריין.

דיין טוי זאָל פייכטן זייער ערד,
דערבארעמיק פארהייל זייער וווּנד;
נאָר לייג ביי יעדער טיר זיי א שווערד —
דאָס שלעכטס אָפּצווישן ביזן גרונד.

זע, ווי זיי ווארטן און שווייגן,
איבער אלע גרענעצן פון צייט, —
אָ, בשורה, קום, ווער זיי אייגן,
אין דער שטאָט פון חורבן און לייד.

(איטאליע)

מ. קאכמאן

## צי איז יידיש א שטער פארן אויפבוי פון ארץ־ישראל?

אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו לאָזן הערן נייע, מאָדנע „ארגומענטן“ קעגן יידיש: זי שטערט אין אויפבוי פון ארץ־ישראל!

וואָס שטעקט אין דעם?

אפילו די פארביסנסטע קעגנער פון יידיש מוזן אָנערקענען, אז די שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדן די איבערוויגנדיקע מערהייט יידן, קאָן מען נישט מיט א באפעל אָדער דורך טעראָר אָפּשאפן. פּונקט אזוי, ווי ס'וואָלט געווען אן אבסורד צו באפעלן, אז די ענגלענדער זאָלן אויפהערן רעדן ענגליש, אָדער, די ארגענטינער — שפּאניש, ווייל זיי האָבן פריער גערעדט אנדערע שפּראַכן. פונקט אזוי איז אן אבסורד צו קעמפן קעגן יידיש, וואָס ווערט פון יידן גערעדט שוין קנאפּע טויזנט יאָר און אין וועלכער ס'איז געשאפן געוואָרן אזא וואונדערלעכע ליטעראטור. די שפּראַך האָט זיך שוין אזוי טיף ארייַנגעוואקסן אין פאָלקס־אָרגאניזם, אז הייַנט־צו־טאָג קענען נאָר נאראָנים אָדער סתם פינצטערע פאנאטיקער באהויפּטן, אז יידיש איז נישט קיין שפּראַך; אָבער אז יידיש איז א שטער צום אויפבוי פון ארץ־ישראל — זעט איר, דאָס ווערט שוין גאָר פיקאנט. פון וואנען קומט דער מאָדנער איינפאל, אז א שפּראַך קאָן שטערן אויפבויען א לאנד?

ווען מיר פארטראכטן זיך אביסל ערנסטער און טיפער וועגן דעם פּראָבלעם פון יידיש, זעען מיר א גאנץ אנדער בילד: ווען יידן האָבן איינגעוואנדערט מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק קיין פּוילן, ליטע, רוסלאנד, אוקראינע, רומעניע און ווען ביי זיי וואָלט נישט געווען קיין נייגונג און פארלאנג צו רעדן א באזונדערע, אייגענע, נישט־אָרטיקע שפּראַך — פון וועלכער ס'האָט זיך געשאפן, אנטוויקלט און ארויסגעקומען דאָס היינטיקע יידיש, — נאָר גערעדט די שפּראַכן פון די מערהייטס־פעלקער אין יענע לענדער (ווי עס איז געווען דער ווילן און פארלאנג פון די דעמלטיקע

# כראניק:

— אין ראטנפארבאנד זענען דערשי־נען שלום־עליכמס ווערק אין א טיראזש פון 3.200.000 עקזעמפלארן.

—ווי עס גיט איבער ל. זינגער אין זיין בוך „דאָס באנייטע פאָלק", מאָסקווע, 1944, זענען די ווערק פונעם יידישן שרייבער ל. ק ו י ט ק אָ דערשינען אין ראטנפארבאנד פאר די יאָרן 1928—1939 אויף 22 (צווייאונצוואַנציק!) שפראכן מיט א טיראזש פון קרוב 6.500.000 (זעקס מיט א האלבן מיליאָן!) עקזעמ־פלארן.

— די יידישע אָפטיילונג פון דער קראָקאָווער קאַראָלענקאָ־ביבליאָטעק, וועלכע איז איינע פון די גרעסטע ביב־ליאָטעקן אין ר. פ., איז ניצל געוואָרן פון די דייטשע הענט דורך א נס. זי האָט זיך געפונען אין אונטערשטן שטאָק, צוזאמען מיט דער גרעסטער טייל ביכער פון דער קאַראָלענקאָ־ביבליאָטעק בכלל. ווען א באָמבע האָט געטראָפן דער גע־ביידע און די איבערשטע שטאָקן זענען איינגעפאלן האָבן זיי מיט זיך פארדעקט די אונטערשטע. אזוי ארום זענען דורך א צופאל געראטעוועט געוואָרן העכער 50 טויזנט יידישע און העברעישע בי־כער, יודאיק אין אנדערע שפראכן. חוץ דער גרויסער צאָל ביכער, פארמאָגט די דאָזיקע ביבליאָטעק פולע קאָמפלעקטן פון דער יידישער און העברעישער פרע־סע פאר צענדליקער יאָרן, ווי אויך א גרויסע צאָל תלמודישע און רבנישע ליטעראטור, א סאך זעלטענע אלט־יידישע דרוקן, אוניקאלע אויסגאבעס פון אמסטערדאם, ליוואָרנאָ, פיזא, קאָרעץ, סלאוועטע, גראָדנע, ווילנע, פראנקפורט, ווענעציע א. א.

לעצטנס דערשינען:

* „א נאכט מיט פארטיזאנער אין פוילישן אונטערערד" פון מ. קאַכמאַן, 16 זייטלעך.

* „דזשיקע גאס" פון י. הייבלום. 5 שילדערונגען פון יידישן ווארשע. פאר־לאג אליין, תל־אביב. 36 זייטן. הילע געצייכנט פון דוד שניאור.

* „ווי און גלויבן" פון י. ת. בילעצ־קי. לידער, ארויסגעגעבן פון יידישן לי־טעראטן און זשורנאליסטן־קלוב אין ארץ ישראל. 32 זייטלעך.

* די טשענסטאָכאָווער יידן אין אמע־ריקע גיבן ארויס א געדענק־בוך, ווו עס וועט זיך אָפשפיגלען דאָס קולטורעלע אוןווירטשאפטלעכע לעבן פון די טשענ־סטאָכאָווער יידן אין זייער היים־שטאָט און אין אמעריקע. א באזונדערן פלאַץ אין דעם בוך פארנעמט ארץ־ישראל, ווו די טשענסטאָכאָווער שפילן אַן אָנגע־זעענע ראָל און, וועלכע זענען אָרגאַני־זירט אין א פאריין, וואָס נעמט ארום אַלע לאנדסלייט.

(מ.) גאָדל פרייטאג

---

## אכטונג, בוענאס־איירעס פארלאג „יידיש"

איך זוך דעם אדרעס פון מיין פריינט ו ו אָ ל ף ב ר ע ס ל ע ר פון פאביאניץ ביי לאָדזש.

מ. קאַכמאַן תל־אביב

---

ווערט מיטגלידער אין דער
געזעלשאַפט „פריינט פון
יידישער קולטור" אין ארץ ישראל

---

אין אלע ענינים פון „די בריק" זיך ווענדן צו:
פ. ש מ ו א ל ב י ץ
תל־אביב, רחוב דיזנגוף 249

דפוס „ליגא", רמת־גן